טעגליכע בלעטל לעיקוואוד אומגעגנט

# לוח הציבור לעיקוואוד

Call/Text: **732.696.4300** Email: **ads@lakewooddaily.com**

Subscribe to get it via email: **subscribe@lakewooddaily.com**

ערש"ק פרשת חקת-בלק - י"א תמוז תשפ"ו

Friday June 26, 2026

## זמנים

הזמנים הם לעיר לעיקוואוד

| | היום | מחר |
|---|---|---|
| עלות השחר: | 4:17 | 4:17 |
| נץ החמה: | 5:29 | 5:29 |
| סו"ז קר"ש מג"א: | 8:38 | 8:38 |
| סו"ז קר"ש גר"א: | 9:14 | 9:14 |
| סו"ז תפלה מג"א: | 10:05 | 10:05 |
| סו"ז תפלה גר"א: | 10:29 | 10:29 |
| חצות: | 12:59 | 12:59 |
| מנחה גדולה: | 1:43 | 1:43 |
| מנחה קטנה: | 6:04 | 6:04 |
| שקיעה: | 8:30 | 8:30 |
| צאה"כ ר"ת: | 9:42 | 9:42 |

## וועטער

| היינט | מארגן |
|---|---|
| 85°- 70° | 74°- 66° |
| רעגן | רעגן |

## שיעורים

| | |
|---|---|
| דף היומי | חולין נז |
| עמוד יומי | יומא לא: |
| דף הירושלמי | בבא מציעא יא |
| משנה יומית | כלים יג, ו-ז |
| הלכה יומית | או"ח רטו, ב-ד |
| תהלים | ס-סה / נא-נה |
| מ"ב עמוד יומי | ח"ו נח. |
| מ"ב - דרשו | חזרה |
| מצוה יומית | תקעה. מוצא תפשך תשמור |
| תניא | אכן כל - תענית |

## זמני שבת

שב"ק פרשת חקת-בלק - י"ב תמוז תשפ"ו - אבות פ"ה

זמן הדלה"נ 8:12 | זמן מוצאי שבת 9:43

פארגעסן צו באשטעלן? לעצטע מינוטיגע מסיבה?

קענסט נאכאלץ האבן קאסטום קאפס פאר דיין קעמפ, דעי קעמפ, מסיבה, קאמפיין, אדער שמחה

דעם חודש ספעשל

מיר וועלן ארומליינען אייערע קאפס און אלע שולן פאר בלויז שטאט / $2450

(30% הנחה!) רעכנט אריין: קאפס, פרינטינג, און ארומליינען אין שולן

Same week delivery - Produced locally - Full color 360° wrap - Low minimums

Cuplo

CALL / TXT: 845.572.7599 | E: INFO@CUPLO.CO | CUPLO.CO

FREE Swim Bag WITH EVERY Zahler Purchase

At your local Health Food Store.

advanced nutrition by ZAHLER

Receive a complimentary swim bag with your purchase, while supplies last.



# שמחות

טעגליכע שמחה דערמאנונגען

צו מעלדן אייער שמחה ביטע רופט:
**732.696.4300**

מזל טוב! | א שמחה אין לעיקוואד?

דערמאנט אייערע באקאנטע דורך עס מעלדן דא אינעם טעגליכן "לוח הציבור".

מזל טוב!
budgetyid.com
קום צו די חתונה ווי א מחותן

# שידוכים

החתן אלי' ני"ו
בן מוה"ר **שמואל גלאסמאן** הי"ו
ב"פ

עב"ג

הכלה שתחי'
בת מוה"ר **שמואל יעקב ניימאן** הי"ו
ב"פ


# ממש ווי ניי!

גלאנצן | פרעסן | טוישן קאפלעך | איבערמאכן

דא צובאקומען די "ישועה שטריימל"
די לייכסטע שטריימל אויפן מארקעט

שעות: זונטאג – דאנערשטאג
**2:00–6:30 נאכמיטאג**
ערש"ק זענען מיר פארמאכט



קרויס שטריימלען
1200 River Avenue
718.257.2877

מכון תורת שמואל דהוסט

# דערהייבט אייער נפש מיט די פלאמפייערדיגע דרשות

פונעם פום ממלל רברבן
כ"ק מרן אדמו"ר מהוסט רבי שמואל שמעלקא לייפער זצוק"ל
א רייכע אוצר מיט דרשות ושיעורים אויף אלע עניני עבודת ה' ושמחת החיים

**605-313-6802**

נתפרסם לע"נ כ"ק מרן רבינו שמואל שמעלקי בן ר' אהרן משה זצ"ל

צו נעמען א חלק אין די זיכוי הרבים רופט: 347.949.2066

**Bad Credit? We Remove Late Payments From All 3 Bureaus**
**Call/Text/WhatsApp 845-325-2324**


## Emergency Numbers

| | |
|---|---|
| Police & Fire | 911 |
| Hatzalah - הצלה | 732.370.3600 |
| Shomrim שומרים | 732.367.1212 |
| Chaveirim - חברים | 732.370.2229 |

לוח הציבור

**Boro Park**
718.303.4300
**Monsey**
845.425.4300

Heritage
Credit Solutions

credit repair דארפט איר
מיר קענען העלפן
929-920-8677

PREMIER MORTGAGE
Licensed Mortgage Broker, NJ. #2401792
Loans Originated through third party providers.

SUPER-LOW MORTGAGE RATES FOR HOMEBUYERS
CALL NOW FOR A QUICK QUOTE

Sign up for rate updates, text "LOW RATES"
YEHUDA GROSS
732.773.9233
NMLS 1494185

UNIQUE OPPORTUNITY
for Kehillah or Entrepreneur
בית החיים development
close to approval, is available.
Approx 6,500 Plots + future potential
Certified 100% Groundwater Free
41 Miles from Whitestone Bridge
Brokers Welcome 10M
(845) 659-9119 MGlazer@rabbinical.org





# יארצייטן

## פון צדיקים און גאונים

### י"א תמוז

שע"ז — הג"ר **יצחק** ב"ר **אברהם משה חיות** זצ"ל
אב"ד פראג - אפי רברבי

שצ"ו — הג"ר **שמעון** ב"ר **יצחק באך** זצ"ל
אב"ד אוסטראה

ת"ח — הג"ר **אליעזר** ב"ר **יקותיאל** זצ"ל
אב"ד טולטשין

תקס"ב — הג"ר **שמעון** ב"ר **זלמן** זצ"ל
אב"ד נאדבורנא

תקצ"א — הג"ר **צבי הירש** ב"ר **יצחק אייזיק** זצ"ל
מזידיטשויב

תר"ז — הג"ר **אברהם אליעזר** ב"ר **יוסף דמשק** זצ"ל
מקאקא - אבני קודש

תרי"ב — הג"ר **אהרן משה** ב"ר **יעקב טויבש** זצ"ל
אב"ד יאסי - קרני ראם

תרל"ו — הג"ר **אברהם נפתלי הירץ** ב"ר **מרדכי צבי** זצ"ל
ראב"ד קראקא - צלותא דאברהם

תרצ"ד — הג"ר **פינחס** ב"ר **אלימלך שמעון רימאלט** זצ"ל
אב"ד זאלקאווא

תש"א — הג"ר **אלחנן בונם** ב"ר **נפתלי ביינוש וואסערמאן** זצ"ל
ר"י אהל תורה בראנאוויטש - קובץ שיעורים/הערות

תש"א — הג"ר **יהודה לייב** ב"ר **משה חיים צירלזון** זצ"ל
אב"ד קישינעב

תש"ג — הג"ר **שלמה חיים** ב"ר **יעקב פערלוב** זצ"ל
מבולחוב

תשנ"ד — הג"ר **שמואל שמעקא פינטער** זצ"ל
אב"ד בוקאוואסקא לאנדאן

תשע"ג — הג"ר **שמואל שמעלקא** ב"ר **יעקב ישראל ישורון רובין** זצ"ל
מסוליצא נ. י. - תפארת אבות

תש"פ — הג"ר **נפתלי** ב"ר **ברוך האלברשטאם** זצ"ל
מצאנז

זכותם תגן עלינו ועל כל ישראל

## יזכרם

**זכרון שמות הנעדרים**
**שלא הניחו אחריהם זש"ק**

נא להדליק נר וללמוד משניות וכדו' לעילוי נשמתם

**י"א תמוז**

אברהם ב"ר אהרן • הב' אהרן ב"ר צבי יהודא (איזראלאוויטש) – תרי"ז [אונגוואר, אוקריינא] • הב' אשר זעליג ב"ר אברהם יהודא – תרפ"ט [סיניוועיר, אוקריינא] • הב' גרשון ב"ר זאב (טעלשער) – תרס"א [לאפיש, רומעניא] • הב' דוב בנימין ב"ר רפאל דוד – תרל"ט [פיעטרקוב, פוילן] • דוד ב"ר יעקב צבי (סמיט) – תרצ"ד [מט לבנון] • הב' זיסא דוד ב"ר משה יוסף – תש"ס [בני ברק, פאנאוויזש] • ר' יהודא ב"ר ברוך יעקב (רייזמאן) – תרמ"ו [אונגוואר, אוקריינא] • הילד יהודא ב"ר נחמן (קלצקי) – תשע"א [NJ חל' מאטערסדארף] • הילד יוסף מאיר ב"ר יואל – תשע"ז [קרית יואל, שטח החדש] • יוסף נחמי' ב"ר נחום (מושעל) – תשנ"ה [ביה"ח ד'מאנסי] • הב' יעקב ב"ר זאב וואלף (דאניעלס) – תשכ"ד [גרינסבורג, פענס.] • הב' יצחק ב"ר שמואל הכהן – תשנ"ג • ירמי' ב"ר מרדכי יוסף (מיללער) – תרצ"ו [מט לבנון] • הילד ישראל אלימלך ב"ר דוב (הארינער) – תרצ"ד [סאטמאר, רומעניא] • הב' ליב בער ב"ר שמעון אליעזר (קראסנע) – תשמ"א [אייאווא] • הב' מרדכי ב"ר שמואל הכהן – תשכ"ב [NJ בית ישראל] • הב' משה ב"ר ישראל (ברזל) – תרע"ו [טבריא] • ר' משה נתן ב"ר צבי הכהן (קאהן) – תשע"ט [הר הזתים] • ר' צבי ב"ר יוסף (לאופער) – תשכ"ו [LI חל' שארית עד"י] • הילד שלום רפאל ב"ר ארי' לייב – תש"ל [NJ חל' מורי'] • הב' שלמה ב"ר משה (וויינשטאק) – תר"ף [אונגוואר, אוקריינא]

מרת אסתר חי' ב"ר יצחק יעקב (פארקאש) – תשע"ו [קרית פאפא] • אסתר צירל ב"ר זאב אלי' הכהן (מאיער) – תשנ"ג [NJ חל' באבוב] • מרת חי' ב"ר מנשה הלוי – תרפ"ב [יוניאן פיעלד] • הילדה חי' יענטא ב"ר נתן דוב – תשד"מ [NJ חל' סאטמאר] • מרת מלכה ב"ר מרדכי (מייעראוויץ) – תשנ"ט [LI חל' וויזניץ] • הילדה מרים ב"ר יעקב (האמבורג) – תרפ"ה [טשעטשאוויץ, סלאוואקיי] • מרת פערל לאה ב"ר אברהם (כ"ץ) – תשל"ט [NJ בית ישראל] • בתולה שיינדל צירל ב"ר נפתלי נתן (בערגער) – תרצ"ב [סאטמאר, רומעניא] • שרה מרים ב"ר ראובן (זענדער) – תש"ה [באלטימאר, ביהמ"ד הג']

צו אריינשרייבען נעמען אימעיל List@yizkereim.info

# עשיתי סגולת התנא רבי מתיא בן חרש ונושעתי


בשורה משמחת לשומעי לקחי
הרה"ג ר' שמעון גערטנער שליט"א

אלע "ליינס"
עצה ותושיה,
בחורים, כיבוד
אב ואם, קדושת
עיניים, און חיים
שיש בהם.

זענען יעצט בס"ד
**איבערגעמאכט און איבערגעפרישט**
**געווארן אלס איין פלאטפארמע**
וואו מען קען פרעגן יעדע שאלה אין עבודת השם,
און הערן מורא'דיגע
קורצע תשובות,
שיעורים און חיזוק.
שמעו ותחי נפשכם!

קול הערכי

845.414.8041

נתפרסם ע"י שומעי לקחו

Got a Ticket?
Call
THE TICKET
FIGHTER




We Fight
Parking •
Moving •
& Criminal •
Violations
Ez Pass •
Call
718-954-4295
917-957-7545
We do personal injuries

# הילולא דצדיקא



**יארצייט פונעם טאג - י"א תמוז - שנת תקצ"א**
**האדמו"ר רבי צבי הירש אייכנשטיין מזידיטשוב, בעל 'עטרת צבי'**

**געבוירן:** שנת תקכ"ג

**זיין טאטע:** רבי יצחק אייזיק מסאפרין

**זיין זוהן** רבי יחיאל מיכל.

**זיינע איידימ'ער:** האדמו"ר רבי יהודה צבי מראזלא. רבי יעקב נפתלי הירץ לאבין. רבי משה חיים טויב מראזלא. בזוו"ש רבי דוב בער מטלוסט. בזיווג שלישי רבי יוסף ראטענבערג מקאזאווא. רבי יהודה לייביש ערליך מראזלא.

**זיינע רבי'ס:** הרבי מלובלין. המגיד מקאזניץ. רבי משה מפשעווארסק. הרמ"ל מסאסוב. רבי ר' מענדל'ע מרימנוב. ה'אוהב ישראל' מאפטא

ער איז געבוירן געווארן אום ט' כסליו שנת תרס"ג, אינעם שטאט טאפלטשאן אין אונגארן, צו זיין פאטער, הגאון רבי אברהם יעקב סופר הי"ד, אבד"ק טעט, זוהן פון רבי מרדכי אפרים פישל סופר אבד"ק שארוואר ובעמח"ס 'זכרון אפרים', זוהן פון רבי אליעזר זוסמאן סופר אבד"ק פאקש ובעמח"ס 'ילקוט אליעזר', זוהן פון רבי מרדכי אפרים פישל סופר פון פרעשבורג, בעמח"ס 'סופר המלך'. די מוטער פון רבינו זצ"ל איז געווען הרבנית מרים, די טאכטער פון ר' יחזקאל פרידמאן פון טאפלטשאן, זוהן פונעם קצין המפורסם ר' ליב פרידמאן, זוהן פון ר' צבי הירש פרידמאן, זיי האבן געצויגן זייער יחוס למעב"ק צום הייליגן מהר"ל פון פראג.

דער פאטער פון רבינו זצ"ל האט געהאט א דילעמע נאך וועמען ער זאל א נאמען געגעבן, ווייל זיין פאטער האט שוין דאן נישט געלעבט, און אלס כיבוד אב האט ער געוואלט געבן נאך אים, אבער ס'איז נאך געווען אינעם יאר פון די פטירה פון זיין גרויסן זיידן, זיין טאטנס טאטן. ער איז געגאנגען פרעגן זיין פעטער הגאון רבי יוסף ליב סופר, גאב"ד פאקש, און דער פעטער האט געענטפערט אז היות אז דער טאטע איז אויך מחוייב מיט כיבוד אב, דערפאר זאל מען צוזאמשטעלן ביידע נעמען, און געבן 'אליעזר מרדכי אפרים', וכך הוה. שפעטער, פאר זיין חתונה, האט זייער פעטער הגאון רבי שמעון סופר אבד"ק פאקש, געהייסן צוגעבן דעם נאמען 'ישראל'.

אום חודש אלול תרס"ד, האט די משפחה זיך געצויגן קיין יעמערינג, וואו רבי אברהם יעקב איז געווארן רב. ווען רבינו זצ"ל איז געווען דריי יאר אלט, האבן די עלטערן פון זיין מוטער אים גענומען וואוינען ביי זיך אין שטוב, און ער איז ביי זיי נתגדל געווארן ביז צו די בר מצוה. ווען ער איז געווען פערצן יאר אלט, האט זיין פאטער אים גענומען קיין פאקש, צו לערנען תורה ביי זיין גרויסן פעטער, רבי יוסף ליב סופר, גאב"ד פאקש, וועלכער איז געווען זיין רבי מובהק, פון וועמען ער האט פיל מקבל געווען בתורה ועבודה.

אום ט' טבת שנת תרע"ח איז אנגעקומען צו אים קיין פאקש די שווערע בשורה, אז זיין מוטער איז ל"ע יונגערהייט נפטר געווארן אין שטאט טעט. צוליב די שווערע וועטער, איז כמעט נישט מעגליך געווען אנצוקומען גענוג שנעל פון איין פלאץ צום אנדערן, און דערפאר איז רבינו זצ"ל נישט געווען ביי די לוי' וואס איז פארקומען דעם קומענדיגן טאג, אום עשרה בטבת, אבער ער האט געזאגט ווארימע דברי הספד אויף די מוטער, ככלות השבעה, אינעם ביהמ"ד אין שטאט טעט, וואו זיין פאטער האט געדינט אלס רב.

ווי א שבר על שבר, האט אים געטראפן די שווערע בשורה יענע יאר, ווען זיין פעטער און רבי, דער פאקשער רב איז נסתלק געווארן אום כ"ב סיון שנת תרע"ח, אינעם שטאט וואשארהעלי, און מ'האט אים געברענגט צו קבורות אבותיו אין שטאט פאקש. מ'האט דאן אויפגענומען דעם ברודער פון רבי יוסף ליב, הגאון רבי שמעון, ממלא צו זיין מקומו מיט די רבנות אין פאקש. רבינו זצ"ל אזי געווען צווישן דעם ציבור וואס איז ארויס מקבל פנים זיין דעם פעטער, דער נייע רב, און רבינו זצ"ל האט מקבל מרות געווען פון אים.

רבינו זצ"ל האט אלע זיינע יארן געהארעוועט אויף תורה בהתמדה רבה, און ער האט אלס בחור שוין אנגעהויבן פארשרייבן חידושי תורה, צווישן זיי האט ער אויך פארשריבן פילע זאכן וואס ער האט זוכה געווען צו זען בחלום לילה. צווישן אנדערע האט ער אויך געהאט די זכי' צו זען אין חלום זיין גרויסן פעטער, דער פאקשער רב, נאך וועמען ער האט אזוי געבענקט, און אין חלום האט ער געגעבן פארן פעטער שלום, דער פעטער האט צוריק געגעבן שלום, און ער האט געגעבן פארן פעטער א קיש אין די האנט.

ערשטע וועלט מלחמה. אין צעהלים. חתונה. רבנות, און נאך. אי"ה אין א קומענדיגן געלעגנהייט...

**זכר צדיק לברכה!**


'א די האסט
די כוחות.
מיר האבן די כוחות פאר שמירת עינים! גיי אן ווייטער, כה לחי!
עינים
מיינע טייערע אויגן | מיין אייביגער עתיד
718-977-5554

# שבת ערציילונג



## שבת קודש

די ערד אין אייראפע האט געברענט אין יענע שווערע טעג. ותרע"ד הארץ, אין יאר תרע"ד ווען ס'האט אויסגעבראכן די ערשטע וועלט קריג. אין צייטן פון מלחמה האט די רעגירונג פארלאנגט אז יעדער זאל גיין אין מיליטער. פילע האבן טאקע באוויזן זיך ארויסצודרייען למעשה, אבער פילע ליידער נישט. און גיין מיליטער האט אפט געמיינט ארויסגיין אויפן פראנט, דארט וואו די שלאכטן זענען פארגעקומען.

אויך דער איד פון אונזער מעשה איז געווען צווישן די וואס זענען געווען געצווינגען צו גיין אינעם עסטרייך־אונגארישן מיליטער, אין יענע שווערע צייט, און זייענדיג דארט אויפן פראנט ביי איינער פון די שווערע שלאכטן, איז ער ל"ע שטארק געשעדיגט געווארן, און ער האט פארלוירן א פוס.

דאס איז געווען גענוג אויף אים צו באפרייען פון מיליטער דינסט, אבער די רעגירונג האט אין יענע צייט נישט געגעבן קיין שום הילף פאר די פארוואונדעטע סאלדאטן, און קיינער האט זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט, און פארשטייט זיך אז אן קיין פוס, האט ער נישט געקענט גיין ארבעטן, וואס קען מען דען טון אן א פוס. איז ער געבליבן אזוי אן עני ואביון, אן קיין פרנסה, און אן קיין געהעריגע אויסזיכטן צו פארדינען א פרוטה.

ויהי היום, און דער צובראכענער איד האט געהערט, אז ערגעצוואו איז דא א גרויסער רבי און א צדיק, צו וועמען טויזענטער אידן פארן פאר ברכות און ישועות, דער צדיק האט אפענע אויגן, און ער האט אויך דעם געוואלדיגן כוח צו פועל'ן וואונדערליכע ישועות פאר אידן, און ווער אימער ס'איז זוכה צו באקומען פון אים אן הבטחה, איז א זיכערער געהאלפענער. דאס איז הרה"ק רבי יעקב משה פון קאמארנא. דער איד האט זיך אויפגעהויבן, גענומען זיינע שטעקענעס אין די האנט, און געמאכט דעם וועג קיין קאמארנא.

ער האט נישט געדארפט לאנג זיך נאכפרעגן וואו ס'געפונט זיך דעם רבי'נס וואוינארט, די אידן אין קאמארנא האבן שוין זייער גוט געוואוסט אז ווען א פרעמדער איד קומט אן אהין, איז דאס געווענליך ווייל ער זוכט דעם רבי'ן, וועמענס הייליג הויז ווירבלט אלעמאל מיט אידן, וואס נויטיגן זיך אין אלע סארטן ישועות.

אויך אונזער איד איז אנגעקומען צום הייליגן רבי'נס שטוב, ער האט געשריבן א קוויטל ביים גבאי'ן, און זיך געשטעלט אין די רייע אריינצוגיין אל הקודש פנימה. נאכן ווארטן א שטיק צייט איז געקומען זיין רייע, און ער האט געמאכט דעם וועג אריין אל הקודש פנימה, צום רבי'ן, וועמענס הייליגע געזיכט האט געשטראלט.

דער רבי הייבט אויף זיינע הייליגע אויגן, און ער זעט דעם איד, וואס ס'פעלט אים ל"ע א פוס, און דער רבי האט זייער רחמנות געהאט אויף אים. דער איד האט אראפגעלייגט דעם קוויטל פארן צדיק, און ער האט אנגעהויבן זיך אויסגיסן דאס הארץ. ער האט דערציילט פארן רבי'ן ווי ער איז געווען געצווינגען צו גיין אין מיליטער, און וואס ער האט אלץ מיטגעמאכט דארט, זייענדיג אויפן פראנט, ביי די שווערע שלאכטן, און ווי ער האט דארט פארלוירן דעם פוס, און די רעגירונג וויל אים גארנישט פארגוטיגן פאר דעם.

"אוי, רבי", זאגט דער איד מיט א טרער אויפן פנים, "אצינד בין איך געבליבן אן קיין לחם לאכול, איך קען נישט טרעפן קיין שום פרנסה, ווייל קיינער זוכט נישט קיין ארבעטער וואס ס'פעלט אים א פוס, און דערפאר וואנדער איך ארום איבער די גאסן צו זוכן א פרוטה זיך צו קענען שפייזן".

דער רבי הערט אויס מיט ווייטאג. נישט קיין חילוק וויפיל צרות ישראל דער רבי הערט, וועט יעדע צרה בארירן זיין הייליג הארץ פון פריש. דער רבי פארטראכט זיך אויף א ווײלע, און דאן זאגט ער, "מיין ליבער איד, הער מיין עצה. פאָר אריבער קיין בודאפעסט, און דאס ערשטע געשעפט וואס איינער וועט דיר דארט פארשלאגן, זאלסטו גלייך זאגן יא און דאס אננעמען, איך בין דיר מבטיח אז דו וועסט זען דערין א ברכה".

דער איד האט זיך זייער באדאנקט פארן רבי'ן, און נאכן געבן א קוש אין די האנט, איז ער מיט איידעלע טריט ארויס פון רבי'נס שטוב. ער האט נישט געווארט לאנג, נאר ער איז באלד געגאנגען צום באן סטאנציע, און זיך געקויפט א בילעט צו כאפן דעם קומענדיגן באן וואס וועט אים צופירן קיין בודאפעסט.

אומר ועושה, ער קומט אן קיין בודאפעסט, און ס'האט טאקע לאנג נישט געדויערט ביז ווען מ'האט אים אנגעטראגן צו קויפן מיליטערישע מעדאלן. ער האט נישט געטראכט קיין צוויי, ער האט גוט געדענקט אז דער רבי האט אים געזאגט אז צום ערשטן געשעפט וואס מ'טראגט אים אן, זאל ער זאגן יא, און ער האט טאקע באלד געזאגט יא, און מסכים געווען דאס צו קויפן.

ער האט געקויפט די מעדאלן פאר א ביליגן פרייז, און ער האט זיך געמאכט דעם חשבון אז דאס איז לכאורה בעיקר ווערט פאר סאלדאטן וואס זענען אין מיליטער, נו

וואו קען ער טרעפן מערערע סאלדאטן וואס זאלן גרייט זיין צו קויפן מיליטערישע מעדאלן, מסתמא אינעם באן סטאנציע זענען דא די מערסטע סאלדאטן, דארט כאפן זיי דאך דעם באן צו פארן אונטערוועגנס פון איין פלאץ צום אנדערן.

ער פארשאפט זיך א קליין טישעלע, און לאזט זיך ארויס צום באן סטאנציע, און ער שטעלט זיך דארט אוועק צו פארקויפן זיין סחורה. ס'האט טאקע נישט געדויערט לאנג, און די פילע סאלדאטן וואס האבן זיך געדרייט דארט האבן אויסגעקויפט זיין סחורה איינס צוויי, און ער האט פארדינט גאר שיין, אז מיט דעם געלט האט ער שוין געקענט אינוועסטירן אין אנדערע זאכן. איין זאך האט געברענגט דאס אנדערע, און ס'האט נישט געדויערט לאנג ביז ווען ער איז געווארן אן עושר.

דאס עשירות האט אים אבער ליידער נישט צוגעברענגט צו קיין גוטס. וישמן ישורון ויבעט. ער האט פארגעסן פונעם רבי'ן וואס האט אים מבטיח געווען די עשירות, און אוודאי אזוי פונעם איבערשטן וואס האט אים געגעבן די עשירות, און ער האט ליידער אנגעהויבן צו מאכן געשעפטן אויך אום שבת קודש.

אזוי זענען דורכגעלאפן די וואכן און חדשים, ווען דער איד האט שוין קוים געדענקט פון קאמארנא און פונעם רבי'ן, ער איז דאך אצינד שוין געווען א גרויסער עושר, מלא גאוה. ויהי היום און ער האט זיך דערמאנט, אז למעשה איז דאס עשירות אנגעקומען צו אים דורך א ברכה פונעם קאמארנער רבי'ן, און ס'וואלט געווען יושר און זיך געשפירט גוט, אז ער זאל פארן צום רבי'ן קיין קאמארנא און געבן א לייטישע פדיון. ער איז געווען זיכער אז דער רבי וועט זיך זייער פרייען צו זיין פדיון, און ער וועט גערן נעמען דאס געלט פון אים.

אצינד האט ער שוין געמאכט זיין וועג קיין קאמארנא ווי אן אָדל מאן, ווי אן עושר, נישט אזוי אפגעריסן און אפגעשליסן ווי דאס ערשטע מאל. ער האט שוין געהאט אצינד א שיינע רייכע וואגן, מיט א בעל עגלה און א משרת, און ער האט זיך געשפירט ווי א 'מענטש'.

ער קומט אן קיין קאמארנא, און גייט באלד צו צום רבי'נס הויז. ער גייט אריין צום רבי'ן און לייגט אראפ דעם פעטן פדיון וואס ער האט צוגעגרייט, און ער ווארט צו הערן פונעם רבי'ן דעם שיינעם יישר כח.

דער רבי הייבט אויף זיינע הייליגע אויגן, און קוקט אים גוט אן, און דאן האט דער רבי געגעבן א געשריי, "פארדעם האב איך דיר געגעבן מיין ברכה, בכדי אז דו זאלסט דורכדעם מחלל זיין דעם שבת קודש??". דער עושר איז אבער צו א גרויסער בעל גאוה אז די ווערטער פונעם רבי'ן זאלן האבן אן השפעה אויף אים. דער רבי איז אבער ממשיך זיינע רייד צום איד וואס שטייט דארט מיטן קאפ אין דער הייך, "וויסן זאלסטו, אז פון חילול שבת וועסטו קיין הצלחה נישט האבן! איך וואָרן דיר שוין אז אויב וועסטו ווייטער מחלל זיין דעם שבת קודש, דאן וועסטו פארלירן און דערלייגן דיין גאנצע פארמעגן!".

דער רבי האט געזען אז זיינע ווערטער טוען גארנישט אויף, אבער ער האט געזאגט וואס ער האט געהאט צו זאגן. דער איד איז ארויס פון דארט מיטן זעלבן שטאלץ און גאוה ווי ער איז אריינגעקומען. אויך נאכדעם וואס ער האט געהערט די אפענע ווערטער פונעם רבי'ן אז ער וועט אלצדינג דערלייגן, און טראצדעם וואס ער האט דאך זייער גוט געוואוסט אז דער רבי'נס ווערטער ווערן מקויים, דאך אבער האט זיין גאוה און שטאלץ אים נישט געלאזט טראכטן גראד, און אנשטאט צו פארעכטן זיינע מעשים, איז ער ווייטער אנגעגאנגען ווי ביז יעצט, און ער האט ווייטער געמאכט געשעפטן אום שבת קודש.

איבעריג צו זאגן אז פונקט ווי דאס ערשטע מאל, זענען אויך יעצט די ווערטער פונעם רבי'ן מקויים געווארן, און איין געשעפט נאכן אנדערן האבן אנגעהויבן אריינהייבן ביטערע דורכפעלער, אז ביז א קורצע צייט האט דער איד אלצדינג פארלוירן. ביז ווען ס'איז אים געבליבן נאר איין טייערע גאלדענע זייגער.

פארנדיג אונטערוועגנס אויפן באן, האט ער ארויסגענומען זיין גאלדענע זייגער, צו זען וויפיל אזייגער ס'איז. אין באן איז געווען אביסל טונקל און ער האט נישט געקענט אזוי גוט זען, איז ער צוגעגאנגען מיטן זייגער צום אפענעם פענסטער, וואו ס'איז געווען אביסל לעכטיגער, און אזוי האט ער פרובירט צו קוקן אויפן זייגער, אבער דער זייגער האט זיך געגעבן א גליטש ארויס פון זיין האנט, ארויס פון פענסטער, און ס'איז צופיצלט געווארן אונטער די רעדער פונעם באן.

אין יענע רגע האבן אין די אויערן פון דעם איד אפגעקלונגען די פייערדיגע ווערטער פונעם רבי'ן, "אויב וועסטו ווייטער מחלל זיין דעם שבת קודש, דאן וועסטו פארלירן און דערלייגן דיין גאנצע פארמעגן!", און דאן האט אים אנגעכאפט א הרהור תשובה, ער האט אנגעהויבן צו באגרייפן וואו ווייט ער איז פארקראכן און ער האט אויסגעפלאצט אין א געוויין, ער האט ביטערליך חרטה געהאט אויף זיינע נישט גוטע מעשים, און ער האט אנגעהויבן תשובה טון מיטן גאנצן הארץ.

ער איז צוריק געפארן קיין קאמארנא, ער איז צוריק אריין צום רבי'ן און אים געזאגט אז ער האט חרטה און ער טוט תשובה מיטן גאנצן הארץ און ער איז מבטיח אז פון היינט און ווייטער וועט ער שוין זיין ערליך. דער רבי האט געזען אז ער מיינט עס אמת'דיג, און ער האט אים געגעבן זיין ברכה אז ער זאל נאכאמאל מצליח זיין אין זיינע געשעפטן.

די ברכה איז צום צווייטן מאל מקויים געווארן, און דער איד איז צוריק געווארן אן עושר, אבער דאס מאל האט ער שוין געוואוסט וויאזוי זיך צו פירן, און ער איז פארבליבן א ירא שמים און א חסיד, און ער פלעגט כסדר קומען צו פארן אויף שבתים און ימים טובים צום הייליגן רבי'ן קיין קאמארנא.

# Real Estate

Rentals

| Location | BDR | BTH | Details | |
|---|---|---|---|---|
| BELZ SHLAV HEI | 3 | 2 | Brand new basement, | 646.410.7519 |
| Finchley/ Hearthstone | 1 | 1 | New btfl upgraded furn chosson/kalla apartment in Hearthstone near O&V, W/D, ground floor, large windows, Available mid-November. | 732.606.2242 |
| The 70 | 3-4 | 2 | Brand new gorgeous basement, available mid Nov- $1800/$2000 | 732.730.4074 |
| 55+ | 2.5 | 2 | Magnificent House available for rent in Heimeshe Over 55 Community in Lakewood, right next to Shuls and all Facilities | 732-474-8632 |
| OAK & VINE | 4 | 2 | Upgraded quiet basement, newly renovated $2000 | 718.682.2598 x 1 |


KUPETZ TAX
Individual and Business Accounting Services

Avrumy Kupetz
732-930-9187
info@kupetztax.com

>Tax Returns
>Bookkeeping
>LLC Formation

Call now for 1099 filing!

THE Heating cooLing doctor

"The Heating Cooling Doctor"
The Best in The Business for Repair of Every Type Of Air Condition - Central Ac - Mini Splits Etc. Thermostats - Water Heater - Tankless Systems
Call 24 hours: 646-820-0196

THE COMMERCIAL REFRIGERTION DOCTOR

"The Commercial Refrigeration Doctor"
The Best in The Business for Repair of Every Type of Commercial-Refrigerator-Freezer-Walk In-Reach In-Merchandise Display - Ice Machines
Call 24 hours: 929-486-1587

מען קען רופן דער בית הוראה טעלעפאן ליין לעניני רבית
יעדער טאג פון 8:00 צופרי ביז 12:00 ביינאכט
845-493-8604 RIBISHOTLINE@GMAIL.COM

בית הוראה לעניני רבית
845-493-8604
ribishotline@gmail.com

Smartlist
The Premier Jewish Phonebook

Available on all App Stores



די בארימטער היימישע אידישע היים
דירעקטארי עפפ שטעלט צו סערוויסעס פאר
איבער 25 היימישע שטעט איבער די גארער
וועלט. איז אייער פאמיליע גליסיסטעט אויף
סמארט ליסט ? רופט יעצט

848-224-9395 smartlistapp.com 800-530-4296

# Commercial Rentals

| Location | Size | Details | Contact |
|---|---|---|---|
| CENTRALLY LOCATED ON AIRPORT ROAD | Warehouse | large FULLY RACKED warehouse with offices avail to rent from June 1st with option of dividing to smaller spaces | 732.503.3484 |
| INDUSTRIAL PARK | SINGLE/DOUBLE OFFICE | private single/ double offices available all inclusive pricing. | 732.330.9412 |
| JACKSON | 3,000 SF + OFFICE | Approx 3k sq ft WH space Jackson + 1,200 sq Office space - Text for more info | 848.326.4030 |










JOBS

## HEIMISHE DRIVER

Reliable heimesh person will take you anywhere to the country or any camp
Good clean car and a good driver , and any long distance driving
Please call 848 261 2538

SERVICES

## JOB OPPORTUNITY

Outbound Sales - FT
$100K + Commission
yehuda@bbtents.com
Call 347-232-2218

## B"M PHOTOGRAPHY

**Bar Mitzvah Photography**
Reasonable pricing
**Call/Text: 347.694.7274**

## TERM LIFE INSURANCE

Affordable Term Life Insurance
Sample Rate: Male, A40 — $1M coverage 20-year term.$570y
Free quotes.
call Joel Epstein
845 500 7334
Email 7835731@gmail.com

## JOB OPPORTUNITY

**Join clicktotalent.com for the latest job opportunities!**

## RELIABLE HEIMISHE DRIVER

Reliable Heimisha Driver
New clean comfortable vehicle (2025) Starting prices:
Lkwd Ewr 115$
To Bp/flatbush 165 $
Monsey 150 $
Reserve now, call/text/whatsapp
8483300775

## FLOORING SPECIAL

Best deals on carpet vinyl
Vinyl starting as low at only three dollars installed. Call or text serving nj pa. Upstate ny
732 903. 5667

## JOB OPPORTUNITY

Seeking Client Outreach Specialist for our Lakewood Office : Grow client network, foster relationships, and assist with onboarding. Outreach or sales experience preferred.
Email: Resumes@Lbaps.com

## LLC & CORPORATIONS

מיר עפענען
LLC און Corporations
Same Day • Only $150
We accept CC.
845-293-3795

## CAR SERVICE

**Shaye's Transportation**
EWR - $130 JFK/LGA-$220
BP/Flatbush - $180
Monsey - $160
English, Hebrew, Yiddish
**Call/Text/WA 917.494.4823**

# $7 Hire A Full–Time Remote Employee For $7 An Hour

That's a full time Overseas Employee for **$280 a week**

Loved by: **1000+** Satisfied clients

- ✓ Customer Service
- ✓ Bookkeeping
- ✓ Data Entry
- ✓ Architecture
- ✓ Property Management
- ✓ Amazon Assistance
- ✓ Collections
- ✓ Real Estate

No hidden fees. No lock-in contracts.

**HIRING4LESS™** 848.986.6055 | HIRING4LESS.COM

## USPS FOREVER STAMPS

Inspected and tested by USPS $40 per 100 (Min. 300)
Reach out for discounted prices on larger quantities.
Email: greatdeals4cheap1@gmail.com
SMS/LV MSG: 718-594-8502
FREE SHIPPING! WE PRICE MATCH! we accept CC!

MISC

## אכטונג ממלא מקום!

לערנט אייך למעשה'דיגע טול'ס, עצות און הדרכה וויאזוי צו פירן א קלאס מיט א רואיג'קייט און געשמאק
להצליח טעלע-קורס: 845.335.3900,

## אספקלריא

פאר דברות קודש פון כ"ק האדמו"ר מסארדהעלי שליט"א, ג' תמוז תשפ"ו,איבער די כח פון די רבי זי"ע ביז דיין היינטיגען טאג,
רופט אספקלריא 18459994949
דריקט 8-0-5-3.

## GREAT DEAL!

Beautiful mahogany dining room set for sale includes
Table
8 chairs
2 curios
Buffet
Please call/text 732 850 5118

## הבטחתי ונושעתי

**עשיתי הסגולה של רבי מתיא בן חרש וראיתי ישועה גדולה והבטחתי לפרסמו**

## NEUROFEEDBACK

It's the summer already !!!
Do you want to be ready for the new year ?
Start your new year with a clear mind and focus with confidence
Try neurofeedback it works !
For more info call 419-750-4046
ADD,ADHD,Anger Management,Anxiety,panic attacks,Phobias,tinnitus,sleeping disorders,OCD,Lyme.




## MONSEY CAMPUS AVAILABLE FOR RENT – DAY CAMPS & EVENTS

Spacious campus ideal for summer day camps, group outings, and programs. Flexible rental options available daily, monthly, or hourly. POOL is available and can be rented separately by the hour.
Great Minds 845-520-3250

## LKWD VACATION

5 bedroom duplex in Blue River guestay.com/lakewood-duplex
845-999-8452

## COACHING TO GET CLARITY

Helping to move ahead in life
With your health, finances & your relationships
Leave your message at
718 231 5900

## LIMITED TIME OFFER

Open a new credit card and earn 100,000 points, worth about $1200.
Card Wise 347 986 8144

## שבת / וואכנטעג אין סקווירא

New Square: Beautiful 4 Bedroom apt avail. for Shabbes for rent or for weekdays
also 1 bedroom suite for rent.
Close to the shul.
Call/Text/Vm 845.641.9217

## מוטשעט זיך מיט אייער שטימע?

זענט איר א מלמד מגי"ש וכדו' און מוטשעט זיך מיט אייער שטימע? א מלמד מיט 23 יאר עקספריענס וואס האט זיך געלערנט א bpt מעטאד ווי אזוי צו פארמיידן פון אנשטרענגן אייער שטימע און נישט ווערן הייזעריג, האט שוין געהאלפן רבנים, מגידי שיעורים, און מלמדים, גרייט צו געבן רעפרענס ספעציעלע פרייז פאר בני תורה
917-543-3845

# צעטליך אויפהענגען?



TMG הענגט אין אלע אידישע געגנטער אין אמעריקא

בתי מדרשים, קאנטראקשאן, פאבליק פלעצער

718.925.2300 #103 | info@tmgmediany.com


LAST WEEK
כאפ אריין
ספיפליקס
אוועק
GB
20%-35%OFF AND UP
בארא פארק
4804 13th Ave.
718.435.4750
וויליאמסבורג
178 Wallabout St.
718.330.1700
לעיקוואד
700 Cedarbridge Ave
732.364.6040
מאנסי
16 Melnick Drive
845.678.8624
קרית יואל
7 Van Buren Drive
845.774.4100
CANNOT BE COMBINED WITH ANY OTHER OFFER. MUST BE PAID IN FULL AT THE TIME OF PURCHASE.
FREE DELIVERY AFTER ALTERATIONS UPON REQUEST